קנײדל
טעגליכע פּאַרציע נייעס.

ב' במדבר - כ"ח אייר תשפ"ה | יום מ"ג לעומר | קנײדל #410

קנײדל אבזערוואציעס

רוסלאנד זאגט זי האט איינגענומען נאך 3 געגנטער אין מזרח אוקראינע

אוקראינע - רוסישע טרופן האבן געמאכט גינסטיגע פארשריט אויפן מזרח פראנט פון די קריג אין אוקראינע און האבן איינגענומען צוויי דערפער אין די דאנעצק ראיאן, ווי אויך א געגנט אין אוקראינעס צפון סומי ראיאן, לויט א מעלדונג דורך די רוסישער פארטיידיגונג מיניסטעריום.

זינט די דורכגעפאלענע איבערפאל אויף די היפטשטאט קיעוו אין די ערשטע וואכן פון די קריג, האבן רוסישע קרעפטן זיך קאנצענטרירט צו איינעמען דעם דאנבאס אין מזרח, וואס באשטייט פון די דאנעצק און לוהאנסק ראיאנען.

די נייעס קומט אין די זעלבע טאג וואס כאטש 12 מענטשן זענען אומגעקומען ארום באוואוינטע שטעט אין אוקראינע נאך וואס רוסלאנד האט געשאסן כאטש 367 דראנעס און מיסילס אויף ציווילע שטעט, אין איר גרעסטע דראון אטאקע זינט די אנהייב פון די קריג.

טראמפ שיקט היימלאנד זיכערהייט סעקרעטאר צו מדנ"י נאכפאלגנדיג וואשינגטאן די-סי שיסעריי אטאקע

וואשינגטאן - דער אמעריקאנער היימלאנד זיכערהייט סעקרעטאר קריסטי נאום איז געקומען זונטאג אנגעקומען אויף א באזוך אין מדנ"י, וואו זי האט צום ערשט באזוכט ביים כותל המערבי, און זיך דערנאך געטראפן מיטן מדנ"י פרעמיער מיניסטער נתניהו, ווי אויך מיט פאמיליע מיטגלידער וועמענס נאנטע זענען ערמארדעט געווארן פון טעראריזם. היינט מאנטאג איז ערווארטעט אז נאום וועט זיך טרעפן מיטן אויסערן מיניסטער גדעון סער.

דער אמעריקאנער פרעזידענט טראמפ האט פאראורדנט סעקרעטערי נאום צו באזוכן מדנ"י אלס צייכן פון שטיצע, נאכפאלגנדיג דעם שרעקליכן טעראר אטאקע אין וואשינגטאן די-סי וואו האט געקאסט די לעבנס פון צוויי מדנ"י אמבאסאדע שטאב מיטגלידער.

אמעריקאנער בירגער ארעסטירט פארן פלאנירן צו באמבאדירן אמעריקאנער אמבאסאדע אין מדנ"י

ניו יארק - א פערזאן איז נעכטן זונטאג ארעסטירט געווארן ביים דזשאן עף. קענעדי לופטפעלד אין ניו יארק נאכפאלגנדיג א פארזוך צו באמבאדירן און אפיס פון דער אמעריקאנער אמבאסאדע אין מדנ"י, לויט א מעלדונג דורך די יוסטיץ דעפארטמענט.

דער פערזאן איז אידענטיפיצירט געווארן אלס דזשאסעף נוימייער, אן אמעריקאנער-דייטשער בירגער. ער איז ארעסטירט געווארן אין מדנ"י צוריק אין מאי 19 דורכאויס א קאנפראנטאציע מיט זיכערהייט וועכטער פארנט פון די אמעריקאנער אמבאסאדע.

אין א רוקן-זאק וואס ער האט געטראגן האט זיך געפונען מאלאטאוו קאקטעיל באמבעס וואס ער האט פלאנירט צו איפרייסן פארנט פון די געביידע. ער איז אצינד געווארן ארויסגעליפערט צו אמעריקע, וואו ער שטייט אויס א מאקסימום פון 20 טורמע יארן אויב ער וועט געפונען ווערן שולדיג אויף די קלאגעס.

מדנ"י הייבט רייזע ווארענונג קיין קאנאדע צו 'שטאפל 2' צוליב ראדיקאלע אנטיסעמיטיזם

מדנ"י - די נאציאנאלע זיכערהייט קאונסיל פון מדנ"י האט געהעכערט די רייזע ווארענונג צו קאנאדע פון 'שטאפל 1' ("אלגעמיינע פארזיכטיקייט") צו 'שטאפל 2' ("פארגרעסערטע געפאר"), צוליב א באזארגנדע אויפשטייג פון טעראריסטישע געפארן קעגן אידן אדער מדנ"י בירגער.

ספעציעל ווארענונג מדנ"י באאמטע איבער מאסיווע אנטי-מדנ"י דעמאנסטראציעס וואס קומען פאר אין די טעג ארום גרויסע שטעט אין קאנאדע, אריינגערעכנט אין טאראנטא און מאנטרעאל, ארגאנדזירט דורך גרופעס וואס רופן אפענערהייט פאר קאנפראנטאציעס מיט שטיצער פון מדנ"י.

די ווארענונג קומט נאך וואס אסאך אידישע שולן, שולעס און צענטערן ארום קאנאדע זענען געצילט געווארן פון אנטיסעמיטישע אינצידענטן אין די לעצטיגע חדשים, מיט אויטאריטעטן וואס זאגן אז דאס זענען נישט קיין אפגעזונדערטע אינצידענטן, נאר א טייל פון א גרעסערע, קאארדינירטע כוואליע פון אנטי-אידישע האסע.

טעקסאס ערווארטעט צו פארלאנגען עשרת הדברות טאוול אין קלאס-צימערן



די שטאט טעקסאס איז אויף די וועג צו ווערן די צווייטע אמעריקאנער שטאט צו פארלאנגען אן עשרת הדברות טאוול אין אלע שולע קלאס-צימערן. די רעפובליקאנער-קאנטראלירטע הויז האט דעם לעצט אויפגעברענגט און אונטערגעשריבן די געזעץ, מיט גאווערנער גרעג עבאט וואס איז ערווארטעט צו אונטערשרייבן דעם געזעץ אין די קומענדיגע טעג.

דעמאקראטישע געזעצגעבער אין טעקסאס האבן פראבירט צו בלאקירן דעם געזעץ, און באשולדיגן אז דאס פארלעצט די קאנסטיטוציע צוליב וואס דאס וועט וואקעלנעמען רעליגיעזע פרייהייט פון אנדערע.

אייראפעאישער נעא-נאצי פירער וואס האט פלאנירט צו פאר'סמ'ען אידן איסגעליפערט צו אמעריקא



אמעריקא - דער פירער פון א נעא-נאצישער גרופע אין אייראפע איז ארויסגעליפערט געווארן פון מאלדאווע צו אמעריקא נאכפאלגנדיג זיין ארעסט א צייט צוריק אויף באשולדיגונגען אז ער האט פלאנירט צו פאר'סמ'ען אידישע קינדער און קינדער פון אנדערע מינאריטעטן, ה"י.

מיכאל טשיקושעווילי, א 21-יעריגער פון דער רעפובליק פון דזשארדזשיע און איז אויך באקאנט מיטן צונאמען "קאמאנדיר בוטשער," איז דעם פרייטאג פארגעשטעלט געווארן פאר א פעדעראלע ריכטער אין ברוקלין אויף פארשידענע פארברעכנס און ער האט האט זיך דערקלערט 'נישט שולדיג.'

קנײדל ביסן

פראנקרייך - דער פראנצויזישער פרעזידענט מאקרון איז נעכטן זונטאג אנגעקומען אין וויעטנאם, אין די ערשטע אפשטעל פון זיין רייזע צו אזיע וואו ער וועט פרובירן צו אנקניפן נענטערע באציאונגען און דערגרייכן פארטיידיגונג, ענערגיע און האנדל אפמאכן. מאקרון וועט שפעטער אין וואך רייזן צו אינדאנעזיע און סינגאפור.



צפון קארעא - סאַטעליט אין צפון קארעא האט ארעסטירט עטליכע באאמטע וואס זענען אנגעבליך פאראנטווארטליך פאר די מאסיווע דורכפאל פארביים וואך ווען א 5,000-טאן קריגס-שיף האט זיך צובראכן און טיילווייז איינגעזונקען ביים צערעמאניע צום באנייאונגס פון די שיף און איז געווארן מיטגעשלעפט דורך דער לאנד'ס פירער קים יאנג און, וואס האט פארשפראכן צו באשטראפן די פאראנטווארטליכע.

אמעריקא - א ע-ען ערליינס פליגער אויף די וועג פון טאקיא, יאפאן קיין יוסטאן, טעקסאס איז געצוואונגען געווארן צו מאכן אן עמערדזשענסי לאנדונג אין סיאטל נאך וואס א פאסאזשיר האט פראבירט צו עפענען אן ארויסגאנג טיר אין מיטן פליגער, לויט א עף-בי-איי באריכט. דער פאסאזשיר איז אראפגעהאלטן געווארן דורך ריינדער אויפן פליגער, און איז ארעסטירט געווארן נאכן לאנדן.

רוסלאנד - א מיליטערישע העליקאפטער אין וואס עס האט זיך געפונען דער רוסישער פרעזידענט פוטין און נאך קאמאנדירן איז געווען געצוואונגען צו שיסן פייער זיך צו פארטיידיגן פון אוקראינישער אטאקיר דראנעס, אין א צייט וואס די העליקאפטער איז געפלויגן אויף א געהיימע רייזע העכער דער קורסק ראיאן וועלכע איז א צייט צוריק געווען איינגענומען דורך די אוקראינישער מיליטער, לויט א מעלדונג דורך רוסישע מיליטערישע באאמטע.



וואשינגטאן - סענאטארן לינדזי גרעהעם (רעפובליקאנער) און ריטשארד בלומענטאל (דעמאקראט) האבן אויפגעברענגט א ביל אין סענאט וואס וועט ארויפשטעלן 500% טאריפס אויף רוסישער אליאירטע, מיטן ציל צו צושטעלן די וויטערדיגע קריג אין אוקראינע. די ביל זוכט צו שטעלן 500% טאריפס אויף יעדע לאנד וואס קויפט רוסישע אויל, גאז, אוראניום אדער אנדערע פראדוקטן צו אפשטעלן "פוטין'ס קריגס מאשין".

קליקט דא זיך איינצושרייבן דורך WhatsApp

פינאנציעלע קנײדל

די וואך אויפן מארקעט: ניוודיע פארדינסטן, מעמאריאל טאג, פי-סי-אי אינפלאציע שאצונג

די וואך מיטוואך נאך די סטאק מארקעט פארמאכט זיך, וועט ניוודיע, די צווייט מערסט-ווערדפולע פירמע אין דער וועלט וואס האט איבערגענומען די ע-איי אינדוסטריע מיט אירע פארעכשריטענע סעמי-קאנדאקטער טשיפס, מעלדן אירע ערשטע קווארטאל פארדינסטן.

אינוועסטירער ערווארטן אז די פירמע וועט מעלדן רעקארד פארדינסטן פון $21 ביליאן אויף א רעוועניו $43 ביליאן - 66% העכער ווי פאריאר.

היינט מאנטאג וועט די סטאק מארקעט זיין פארמאכט אין ערנע פון מעמאריעל טאג. פרייטאג וועט ארויסקומען די גאר וויכטיגע פי-סי-אי אינפלאציע שאצונג.



די וועלט'ס רייכסטע פערזאן, **אילאן מאסק, זאגט אז ער וועט זיך צוריקציען צו זיין אלטע ארבעט'ס שטייגער** און אריינגיסן אלע זיין הארעוואניע און ענערגיע אין זיינע פירמעס טעסלא, ספעיס עקס און עקס-ע-איי, **און פארשפארן צו פארברייגן סי-אי-או טאג טאג פונק יאר**. דאס קומט נאך א פארצייגונג פוזעו ווי ער האט אנגעפירט מיט די רעגירונג אפעקטיוקייט דעפארטמענט לאזנדיג זיינע פירמעס פארנאכלעסיגט.

די גרעסטע אמעריקאנער רעסטעראנט קייט-געשעפט **מעקדאנעלד'ס וועט פארמאכן איר ספעציעלע געטראנקן און קאווע געשעפטן געגרינדעט 'קאסמעק'ס'** בלויז צוויי יאר נאך איר גרינדונג, **צוליב וואס די פירמע איז נישט געווען אזוי סוקסעספול** ווי פאראויסגעשאצט. דאס קומט נאך אין א צייט ווען מעקדאנעלד'ס פלאגט זיך מיט פאלנדע סעילס צוליב שוואכע שפענדונג.

CASH BOOST
INCREASE YOUR BUSINESS CASH FLOW WITH PRECISE LOANS AND LINES OF CREDIT
OUR IN-HOUSE CPA'S AND CREDIT PROFESSIONALS WILL ENSURE THAT YOUR APPLICATION IS APPROVED AND THAT YOU RECEIVE MAXIMUM FUNDS.
Levy Leifer
Business Funding Specialist
FUNDI
Business Loans · Lines Of Credit
347.455.8536
Levy@fundipros.com

געזונטע קנײדל

מאדערנא האט געבעטן עף-די-עי באשטעטיגונג פאר איבערגעמאכטע קאוויד-19 וואקסין

די דראג ריז מאדערנא האט געמאלדן אז זי האט אריינגעגעבן א אפליקאציע פאר די עף-די-עי צו באשטעטיגן אן איבערגעמאכטע ווערסיע פון איר קאוויד-19 וואקסין.

די פירמע זאגט אז די איבערגעמאכטע ווערסיע איז פלוקאם באזירט אויף רעגולאציעס פון די אגענטור, און איז אויסגעשטעלט צו ציילן די ניי על-פי-8.1 ווארינאן, וואס מאכט אויס ארום 70% פון אלע היינטיגע קאוויד פעלער אין אמעריקע.

###ביידען אדמיניסטראציע האט געשטעלט קאוויד-19 מאנדאט קריטיקירער אויף א "טעראר וואך ליסטע"

טולסי גאבארד, דער דירעקטאר פון די נאציאנאלע אינטעליגענץ, האט אויפגעדעקט אז די ביידען אדמיניסטראציע האט געשטעלט פילע מענטשן אויף א "טעראר וואך ליסטע" צוליב וואס זיי האבן קריטיקירט קאוויד-19 מאנדאטן.

קאטערין העררידש, איינס פון די דזשורנאליסטן וואס האבן באקומען די רעקארדס, האט אויך באשטעטיגט אז די ביידען אדמיניסטראציע האט דירעקטירט די עף-בי-איי צו עפענען א אויספארשונג אויף קעגנער פון די מאנדאטן און זיי באצייכנט אלס "איינהיימישע ווילדע עקסטרעמיסטן."

א געוועזענע עף-בי-איי אגענט סטיוו פריינד זאגט אז די ביידען אדמיניסטראציע האט באצייכנט מאנדאט-קריטיקירער אלס עקסטרעמיסטן, אלס א מיטל צו זאגן זאך פאר סאציאלע מידיע פירמעס, "איר ווילט נישט פארשפרייטן טעראריזם פראפאגאנדע, אלזא זאלט איר אראפנעמען דעם אינהאלט."

כ'וויל אים
שוין זאגן
צוויי יאר
אבער ס'לוינט מיר נישט צו עפענען
די נשמה מיט מיין בעה"ב.
לאמיר עס אויסארבעטן
מסכים
845.751.9521

לאקאלע קנײדל

איינער אומגעקומען, צוויי פארוואונדעט אין אויפרייס אויף שטאטישע שיף אין האדסאן טייך

ניו יארק סיטי - אן אויפרייס אויף א שיף וואס האט געפירט שמוץ האט זיך געפונען אויפן האדסאן טייך אין ניו יארק סיטי האט אומגעברענגט א לאנגיעריגן שטאטישן ארבעטער דעם שבת, לויט א מעלדונג פון שטאטישע אויטאריטעטן.

נאך א ארבעטער אויפן שטאטישן שיף "האנץ פוינט" איז פארוואונדעט געווארן ביים אויפרייס און איז אריינגעפירט געווארן אין שפיטאל פאר באהאנדלונג.

די אורזאך צום אויפרייס איז אונטער אויספארשונג. מעיאר עדאמס זאגט אז מען פארדעכטיגט נישט אז דאס איז א בייזוויליגע אינצידענט.

באריכט: בלומבערג שטיצער האבן זיך געשטעלט אונטער קאומא אין די מעיאר פארמעסט

ניו יארק - שטיצער פון דער געוועזענע ניו יארק סיטי מעיאר בלומבערג האבן זיך געשטעלט אונטער דער געוועזענע גאווערנער קאומא אין זיין קאמפיין צו ווערן דער קומענדיגע סיטי מעיאר, לויט א באריכט דורך די ניו יארק פאוסט.

לויט קאומא'ס קאמפיין, איז שוין איינגעזאמלט געווארן א רעקארד $3.9 מיליאן, צווישן גרויסע בייטראגער ציילט זיך בלומבערג'ס טאכטער, און א געוועזענע ראטגעבער צו בלומבערג. אזוי אויך האט טאמאס טשקוש, דער גרינדער פון 'בלומבערג על-פי', געשאנקען $40,000 צו די פרא-קאומא סופער-פעק "פאררעכט די סיטי."

אידישע קנײדל

הארווארד חב"ד קריטיקירט סטודענטן 'ארבוך' אלס "האלאקאוסט-סארט לייקענונג"

א שטארקע פון קריטיק האט אויסגעבראכן איבער די 2023-2024 אקאדעמישער 'ארבוך' פון הארווארד אוניווערסיטעט, וואס האט באשריבן די טעראריסטישע מאסאקער זיבן אקטאבער אויף מדנ"י אלס "אקטאבער 2023: קריג ברעכט אויס אין עזה."

מער ווי דעם, ווערט די 'ארבוך' ארויסגעבן פאר א גרופע פון א אנטי-מדנ"י פראטעסט ביי א אוניווערסיטעט קאמפוס צו ביגלן אין וואו עס זענען אנטיסעמיטישע כאמאס שלויגאנס שטיינן.

הארווארד חב"ד האט באצייכנט די 'ארבוך' אלס "האלאקאוסט-סארט לייקענונג" און "פאלשע געשיכטע", אזוי אויך האט שבת קאטסנבאם, א הארווארד גראדוירטער און אקאדעמישער פאראייניגטער, דערקלערט אז די 'ארבוך' איז א ביל, און געצייגט אז אויב די גראדוירטע רעפרעזענטירן די מיטגליד פון אמעריקע, "דאן איז נישט קיין וואונדער אז אמעריקע האט א מאנגל אין פירערשאפט."

אידישע גרופעס רופן פאר כאטש $1 ביליאן פעדעראלע געלטער צו פארזיכערן אידישע צענטערן



שטייגנדיג נישט לאנג נאך די טויטליכע שיסעריי אינדרויסן פון דעם קאפיטאל אידישע מוזעאום אין וואשינגטאן די-סי וואו האט געקאסט די לעבנס פון צוויי מדנ"י אמבאסאדע שטאב מיטגלידער, האבן א קאאליציע פון איבער 40 אידישע ארגאניזאציעס ארויסגעשיקט א רוף פאר די אמעריקאנער רעגירונג צו שטעלן כאטש $1 ביליאן פאר פארמאגן צו פארזיכערן די זיכערהייט פון אידישע אינסטיטוציעס אין לאנד.

די קאאליציע נעמט אריין פארשידענע גרופעס, א שטייגער ווי די אידישע פעדערעישן פון צפון אמעריקע, די ע-די-על גרופע, די אמעריקאנער אידישע קאמיטע, און די אורטאדאקסישע פאראיין.

אין 2024 האט די אמעריקאנער רעגירונג פארטיילט א רעקארד $454.5 מיליאן, אויף פון $305 מיליאן אין 2023, פאר פראגראמען וועלכע פינאנצירן זיכערהייט פארבעסערונגען ארום אידישע צענטערן.

וואו צו קויפן
ווייס איך. די
שאלה איז
וואס?
MALBISH

חרדישע קנײדל

האדמו"ר מצאנז וועט זיך אנשליסן אין 'מסע עולם התורה'

עס איז באשטעטיגט געווארן אז כ"ק אדמו"ר מצאנז שליט"א וועט זיך אנשליסן אין די היסטארישע 'מסע עולם התורה' וועלכע וועט פאסירן אין אמעריקע נאך שבועות, דורך די סאמע גרעסטע גדולי ישראל בארה"ק, אויפצוטרייבן געלט-שטיצע לטובת 'קרן עולם התורה'. דאס קומט נאך א צייט אפשיט פון איבער צוועלף יאר וואס דער רבי האט נישט באזוכט אין ניו יארק.

דער רבי וועט זיך ארויסלאזן קיין ניו יארק מאנטאג שלח הבעל"ט און דורכאויס די קומענדיגע צוויי וואכן, וועט דער רבי באזוכן די קהלות און מוסדות צאנז איבער ניו יארק און ניו דזשערזי, אריינגערעכנט א גרויסע שבת התאחדות פון כלל חסידי צאנז ארה"ב.

האדמו"ר מבאבוב באטייליגט זיך ביי מסיבה לטובת טע"ג

אין אן אומגעווענטליכע ערשיינונג, האט זיך כ"ק אדמו"ר מבאבוב שליט"א באטייליגט ביי א ריזיגע באקעט לטובת די גאראנטיע 'טע"ג' ארגאניזאציע, וועלכע איז פארנעמען מיט אפיטאס פון הנגידים לבית משפחת קארפענקעל ה"י אין מאנהעטן. מיט די באטייליגונג פון פינף און צוואנציג פילאנטראפן.

ביים באנקעט האבן זיך אויך באטייליגט: הגאון רבי מלכיאל קאטלער שליט"א ר"י ביהמ"ד גבוה ד'לעיקוואוד, און האדמו"ר מסקולען ד'לעיקוואוד, נאוואמינסק און צאנז-קריז שליט"א.

הגר"ע אויערבאך ערווארטעט אין ניו יארק



הגאון הגדול רבי עזריאל אויערבאך שליט"א מגהיג קהלת 'בני תורה' איז ערווארטעט אנצוקומען אויף א 'מסע חיזוק' קיין אמעריקע, צום קלמאפן וועט דער ראש ישיבה באשיינען די גרויסע מעמד 'אדירי התורה' וועלכע וועט קומען פאהר תיכף נאך יו"ט שבועות, דורך ביהמ"ד גבוה ד'לעיקוואוד.

נסיעה פון האדמו"ר מקזמיר קיין פוילן

כ"ק אדמו"ר מקזמיר שליט"א וועט זיך ארויסלאזן אויף א נסיעה צו די מקומות הקדושים אין אייראפע איבער מיט א גרויסע ציבור חסידים, דעם קומענדיגן מאנטאג אין דינסטאג קרח הבעל"ט, ווי מ'וועט צוזען אנדערע פוקד זיין די ציונים הקדושים אין רוזמיר, פשיסחא, קאזניץ, ליזשענסק, לובלין און נאך.

כ"ק אדמו"ר **מלעלוב בארא פארק** שליט"א איז אנגעקומען **צוגאסט קיין ארץ ישראל**, ווי דער רבי וועט זיך איינהאלטן **ביז נאך יו"ט שבועות**. די תפלות און טישן קומען פאהר בבית מדרשו אין אלט שטאט ירושלים.

היינט נאכט געפעלט די **יארצייט** פון הרה"ק **רבי מאיר'ל מפרעמישלאן** זי"ע - נכדו כ"ק אדמו"ר מפרעמישלאן שליט"א וועט אפרעכטן א יארצייט טיש בבית מדרשו אין בארא פארק.



SHABBOS IN ISRAEL
Lozy margaretten / 347 404 2938
MEET YOUR PERSONAL CHEF IN ISRAEL. I OFFER FRESH HOMEMADE SHABBOS MEALS DELIVERED TO YOU DURING YOUR STAY. LET ME BRING THE WARMTH AND FLAVORS TO YOUR SHABBOS TABLE!
Lozy Margaretten

שידוכים קנײדל

החתן **משה מרדכי** נ"י בן מו"ה **יואל גרינפעלד** הי"ו (וומס"ב)
עב"ג בת מו"ה **שמעון משה טירנויער** הי"ו (וומס"ב)
שדכן מו"ה **ארי' אשר טורנהיים** הי"ו (וומס"ב)

החתן **יודא לייב** נ"י בן מו"ה **מנחם ישעי' לעווי** הי"ו (ק"י)
עב"ג בת מו"ה **חיים אלי' צוויבל** הי"ו (ק"י)
שדכן **אשת** מו"ה **אברהם מאיר ראזענפעלד** הי"ו (ק"י)

החתן **דוד** נ"י בן מו"ה **שמואל שמעלקא לייפער** הי"ו (מאנסי)
עב"ג בת מו"ה **יעקב בנימין קויפמאן** הי"ו (מאנסי)
שדכן **אשת** מו"ה **וואלף אקערמאן** הי"ו (מאנסי)

צו באקומען טעגליך - דרוקט דא

מיר ווארטן צו הערן אייער קאמענטארן
וויאזוי מיר קענען אייך בעסער סערווירן דעם פארציע.
ביטע לאזט אונז הערן אייער מיינונג **דא**